**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/30/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול האט געמאלדן דאס אנהויב פון בוי-ארבעט אויף 21 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין סאראטאוגא קאונטי**

***נייע 60-יוניט דאמיניק האלאו אפארטמענטס אין די טאון אוו באלסטאן וועט אריינגעמען אויפ'ן-ארט שטיצנדע סערוויסעס פאר 30 איינוואוינער***

***אנהאלטנדע געפארעמטע דעוועלאפמענט וועט צושטעלן אומזיסטע בראודבענד ווײַ-פיי פאר אלע איינוואוינער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס אנהויב פון בוי-ארבעט אויף דאמיניק האלאו אפארטמענטס (Dominic Hollow Apartments), א 21 מיליאן דאלארדיגע ביליגע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט וואס וועט שאפן 60 דירות, אריינגערעכנט 30 רעזערווירט פאר ערוואקסענע וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס, אין די טאון אוו באלסטאן אין סאראטאוגא קאונטי.

"סאראטאוגא קאונטי איז איינע פון די קאונטיס אין ניו יארק וועלכע האבן די שנעלסטע וואוקס, און די דאמיניק האלאו אפארטמענטס וועט העלפן ערפולן די מערנדע נויט פאר ביליגע האוזינג," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אינעם צייט וואס מיר גייען ווייטער ארויס פונעם פאנדעמיק, וועט מיין אדמיניסטראציע פארזעצן צו זיך ערשט אפגעבן מיט די אינוועסטירונגען וועלכע ערלויבן ניו יארקער צו געפונען פארזיכערטע, באשיצטע, און אנהאלטנדע האוזינג כדי זיי זאלן קענען לעבן געזונטע און ערפאלגזאמע לעבנס אין די קאמיוניטיס וועלכע זיי גלייכן."

דאמיניק האלאו אפארטמענטס וועט זיין גענוג ביליג פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען אממערסטנס 60 פראצענט פון די מעסיגע פארדינסטן אין דעם געגנט. דרייסיג דירות וועלן זיין רעזערווירט פאר ערוואקסענע וועלכע וועלן באקומען סערוויסעס אויפ'ן ארט דורך RISE האוזינג און סופארט סערוויסעס. RISE איז אויך די פראיעקט'ס דעוועלאפער מיט CSD האוזינג אלס קאנסולטירונג ראלע.

סערוויסעס און רענטאל סאבסידיס פאר 18 שטיצנדע דירות וועלן ווערן באצאלט דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אונטערנעמונג (Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) און 12 שטיצנדע דירות וועלן באצאלט ווערן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH). OHM שטעלט צו $416,000 יערליך פאר די אויסגאבן וועלכע קומען כסדר ארויף מיט'ן פירן די 18 ESSHI דירות, ווי אויך $477,000 יערליך פאר די 12 שטיצנדע דירות.

דאמיניק האלאו אפארטמענטס איז געמאכט געווארן צו נאכקומען די פאדערונגען פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס לאו-רייז נייער בוי-ארבעט פראגראם און EPA's ענערדזשי סטאר סערטיפייד היימען פראגראם ווערסיע 3.1 ( New York State Energy Research and Development Authority's Low-Rise New Construction program and EPA's ENERGY

STAR Certified Homes Program Version 3.1). אנהאלטנדע צוגאבן וועלן אריינגעמען ענערדזשי סטאר אדער אייניגע הייצונג און קילונג געצייג, אפלייענסעס, און לייט פיקסטורס; וואסער-שפארנדע פלאמבינג פיקסטורס; און נידריג- אדער קיין- VOC קאלעכס, פריימערס, קלעבערס, און סילענטס.

נאך וואוינונג צוגאבן וועלן אריינגעמען א קאמיוניטי צימער מיט א קאך און וואש צימער, א פאסט/פעקל צימער, און א דזשים פלאץ. צוגאבן אינדרויסן וועלן אריינגעמען א גאזעבא, פאטיא, און שפיל פלאץ.

סטעיט פינאנצירונג פאר די דאמיניק האלאו אפארטמענטס רעכנט אריין פעדעראלע נידריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן ערמעגליכן 11.5 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 4.6 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג ( Homes and Community Renewal, HCR) OMH שטעלט צו חוב סערוויס אויף קאמיוניטי אנהאלטונג קארפאראציע'ס באנק הלוואה פון 3.9 מיליאן דאלאר און א $106,500 פראגראם אנטוויקלונג גרענט. NYSERDA וועט צושטעלן $56,000 אין שטיצע. JP Morgan Chase שטעלט צו 9.6 מיליאן דאלאר אין בוי-ארבעט פינאנצן און די ריטשמאן גרופע איז די שטייער קרעדיט סינדיקעיטער.

דאמיניק האלאו אפארטמענטס איז טייל פון די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע 20 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יעריגע האוזינג פלאן צו מאכן האוזינג צוגענגליך און צו באקעמפן היימלאזיגקייט דורכ'ן בויען און אויפהאלטן מער פון 100,000 ביליגע דירות און 6,000 דירות מיט שטיצנדע סערוויסעס. זינט 2011, האט די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג שוין אינוועסטירט מער פון 490 מיליאן דאלאר אין די קאפיטאל ראיאן, בויענדיג אדער אויפהאלטנדיג איבער 5,500 ביליגע דירות.

**HCR קאמישאנער רוט-ען וויסנאסקעס האט געזאגט**, "אונזער 21 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די דאמיניק האלאו אפארטמענטס איז א וויכטיגעביישפיל פון די סארט פון הויכע-קוואליטעט ביליגע האוזינג דעוועלאפמענטס וועלכע קענען מאכן ניו יארק א בעסערע און מער פארמעגליכע פלאץ צו וואוינען. מיט אנהאלטנדע צוגאבן און אומזיסטע בראודבענד צוטריט, קענען מיר העלפן נידערן די אויסגאבן פאר איינוואוינער און פארמאכן די דיגיטאלע צוטיילונג וואס אפעקטערט פיל מאל נידריגע-איינקונפט ניו יארקער."

**OMH קאמישאנער דר. אן סוליוואן האט געזאגט**, "דאמיניק האלאו אפארטמענטס וועט צושטעלן הערליכע נייע דירות מיט שטיצנדע סערוויסעס וועלכע וועלן ערלויבן מענטשן וועלכע וואוינען מיט גייסטישע קראנקהייט צו לעבן פולע, טויגליכע און אנגעפולטע לעבנס. אין שטיצנדע האוזינג וואוינען מענטשן פארזיכערטערהייט אין זייער קאמיוניטי, נאנט צו פאמיליע און פריינט, און קענען אקטיוו צוגעבן צו זייער קאמיוניטי. OMH איז שטאלץ צו ארבעטן אינאיינעם מיט אונזער מיטארבעטער ביי HCR, NYSERDA, און RISE האוזינג און סופארט סערוויסעס צו צושטעלן פארזיכערטע, שטארקע האוזינג צו אונזערע ניו יארקער."

**דארין מ. העריס, פרעזידענט און CEO ביי NYSERDA, האט געזאגט**, "דאמיניק האלאו אפארטמענטס וועט צושטעלן פאר סאראטאגא קאונטי'ס נידריגע-איינקונפט איינוואוינער געזונטע, שטיצנדע און ביליגע האוזינג וועלכע ענטהאלט ענערגיע-שפארנדע אפלייענסעס און פארגעשריטענע בוי-מאטריאלן. פראיעקטן אזוויי דעם צייגן אז נייע בוי-ארבעט קען זיין ריין און גרין אין שטיצע פון אונזער ארבעט צו באקעמפן קלימאט ענדערונגען, און אינעם זעלבן צייט פרייז-אפעקטיוו צו פארזיכערן צוגענגליכקייט פאר אלע ניו יארקער און מירווארטן שוין צו זען וויאזוי דאס ארבעט ווייטער."

**סייביל נעוועל, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון RISE, האט געזאגט**, "אלס אן אקטיווע קאמיוניטי מיטארבעטער זינט 1978, איז RISE שטאלץ צו זיין א פירער אין נאכקומען די האוזינג און ערהוילונגס געברויך פון אונזערע שכנים דורך די דאמיניק האלאו אפארטמענטס פראיעקט. די 60 נייע דירות וועלן

מאכן באדייטנדע פארשריט אין פארמאכן די לאך פון ביליגע האוזינג אין סאראטאוגא קאונטי, און אינעם זעלבן צייט ערמעגליכן מענטשן וועלכע וואוינען מיט גייסטישע געזונטהייט, סאבסטענץ באנוץ, און אנדערע לעבנס שוועריקייטן צו בלייבן פארזיכערט און געזונט אין די קאמיוניטי דורך האוזינג און שטיצנדע סערוויסעס.

**מייק ניומען, דירעקטאר פון פראגראם אנטוויקלונג, CSD האוזינג, האט געזאגט**, "RISE האט צאמגעשטעלט אן אויסגעצייכנטע אנטוויקלונג גרופע, און CSD האוזינג איז שטאלץ צו זיין א טייל פון די RISE גרופע. אלס א פראפערטי אייגנטומער און סערוויס פראוויידער אין סאראטאוגא קאונטי פאר א לאנגע צייט, וועט RISE'ס דאמיניק האלאו אפארטמענטס פראיעקט פארברייטערן די האוזינג געלעגנהייטן פאר קאונטי איינוואוינער וועלכע ספראווען זיך מיט פראבלעמען מיט זייער איינקונפט. CSD האוזינג ערווארט שוין צו ארבעטן מיט RISE נישט נאר צו ענדיגן די דאמיניק האלאו פראיעקט, נאר אויך אויף ווייטערדיגע האוזינג דעוועלאפמענט אונטערנעמונגען.

**סענאטאר דזשים טעדיסקא האט געזאגט,** "אלס רענקינג מיטגליד פון די סענאט'ס גייסטישע געזונטהייט קאמיטי, פארשטיי איך ווי וויכטיג די סארט שטיצנדע האוזינג סערוויסעס זענען וועלכע וועלן זיין צוגענגליך צו ארויסהעלפן און ערמעגליכן איינוואוינער פון די דאמיניק האלאו אפארטמענטס צו באקומען די הילף וואס זיי דארפן און קענען ארומדרייען זייער לעבנס."

**אסעמבלי-פרוי מערי בעט וואלש האט געזאגט,** "פארזיכערן אז מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי האבן צוטריט צו ביליגע האוזינג, ספעציעל אין שווערע לעבנס אומשטענדן אדער איבערגאנג איז קריטיש וויכטיג. דאמיניק האלאו דירות, וועלכע וועלן זיך געפונען גלייך אינדרויסן פון די ווילעדזש אוו באלסטאן ספא, וועט צושטעלן 18 דירות אלס שטיצנדע האוזינג, 12 אלס איבערגאנג דירות און 30 רעזערווירט אלס ביליגע האוזינג פאר די אלגעמיינע קאמיוניטי - דאס מיינט 60 דירות פאר מענטשן אדער פאמיליעס וועלכע האבן זיך אנדערשוויי געדארפט ספראווען מיט שוועריקייטן. פיל הצלחה פאר די RISE סערוויסעס אינעם צייט וואס זיי נעמען די קומענדיגע שריט מיט די מיינונגפולע פראיעקט."

**טאון אוו באלסטאן סופערווייזער עריק קאנעלי האט געזאגט,** "איך ערווארט שוין צו זען אלע לעבנס וועלכע וועלן ווערן אפעקטירט אויף א פאזיטיוון פארנעם דורך די אייגנארטיגע און זייער נויטיגע פראיעקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov